# חג הסוכות

## בס"ד. משיחת אור ליום ג׳, ד׳ דחול-המועד סוכות ה׳תשמ"א.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער נשׂיא דורנו דער רבי דער שווער האט מסביר געווען כמה פעמים, [און צום ערשטן מאל אַז מ׳האט דאס געהערט ברבים איז דאס געווען זיצנדיק אין סכה ביי אַ סעודת יום-טוב], אַז ס׳איז דא די חסידישע אושפיזין, וואס זיי גייען צוזאמען מיט די אושפיזין ווי אויסגערעכנט אין זהר, און ס׳איז דאך פארשטאנדיק, אַז ס׳איז מתאים זה לזה,

האט מען דערפון אַרויס, אַז פונקט אַזוי ווי בא די שבעה אושפיזין פון זהר זאגט מען דאך דעם לשון אין סדור, אַז ס׳איז דא דער אושפיז וואס דאס איז דער עיקר פון דעם טאג, און דערנאך איז דא "דעימי", וואס קומען מיט אים, די אַנדערע זעקס, ווארום אַלעמאל האט מען אַלע זיבן צוזאמען,

על דרך זה אויך בהנוגע צו די חסידישע אושפיזין,

– וואס דאס איז דאך אָנהויבנדיק פון דעם בעל שם טוב, און דעם מגיד, און דעם אַלטן רבי׳ן, און דעם מיטעלן רבי׳ן, און צמח צדק, און רבי מהר"ש און דעם רבי׳ן נשמתו עדן –

איז דער אושפיז פון היינטיקער שמחת בית השואבה, [ווארום דאס איז דער אושפיז פון דעם גאנצן טאג] איז דאס דער רבי מהר"ש.

וואס ביי אים איז דאך געווען דער סדר, [און האט געזאגט, אַז דאס איז אַ סדר וואס איז מבטל דאס וואס וועלט זאגט], אַז ס׳גייט **מלכתחילה אַריבער!**

און אַז מ׳גייט "מלכתחילה אַריבער" ווערט דאס די הנהגה אין **כללות** הענינים, אין **סתם** ענינים – על אַחת כמה וכמה אין עניני תורה ומצותי׳, על אַחת כמה וכמה – אין ענינים של **שמחה**, וואס דער גאנצער ענין פון שמחה איז – פון גיין **אַריבער**.

מ׳זאגט דאך, אַז "נהרא נהרא ופשטי׳[1]", אַז ס׳איז דא כמה וכמה פרושים,

ביז וואנענט ווי ער זאגט אין אריז"ל, אַז אין יעדער ענין אין תורה איז דא זעקס הונדערט טויזנט – ששים רבוא – פרושים על דרך הפשט, ששים רבוא פרושים על דרך הרמז, ששים רבוא פרושים על דרך הדרוש, און ששים רבוא פרושים על דרך הסוד, ווארום יעדער נשמה כללית, [וואס דאס איז דאך ששים רבוא

1 ) מס׳ חולין, דף כח.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הסוכות

נשמות כלליות, וואס אַלע נשמות זיינען סניפים, פּרות פּרטים, פון די נשמות כּלליות, ווי ער זאגט אין תּניא] האט דאך איר יעדער איר וועג און איר פּרוש,

וכלשון הרגיל בתּורה שבעל פּה, אַז מ׳זאגט "לישנא אַחרינא", "דבר אַחר", וכיוצא בזה, וואס מ׳נוצט דעםווארט "אַחר" אויף באַווייזן, אַז ס׳איז דא נאך אַ וועג אין תּורה, **אויסגעהאלטן** על פּי תּורה, און דאס ווערט אַן ענין און אַ וועג פון תּורה, וואס ער איז אַף על פּי וואס דאס איז "אַחר" – אַן אַנדער וועג ווי די אַנדערע וועגן.

וכאָמור, אַז ס׳איז אַזוינע זעקס הונדערט טויזנט פּרושים, אין אַלע פיר דרכים.

איז אָבער אַלע פּרושים האבן אַ צד השוה – נקודות אין וועלכע זיי זיינען אַלע גלייך,

ווי פארשטאנדיק פון דעם ווארט גופא, אַז מ׳זאגט אַז דאס איז אַ "פּרוש" אין דער זעלבער זאך, אין דעם זעלבן פּסוק, אין דעם זעלבן מאמר רז״ל – איז דאך דאס גופא אונטערשטרייכט, אַז ס׳איז דא אַ זאך אין וועלכע זיי זיינען אַלע גלייך; ס׳איז ביי אַלעמען דער זעלבער לשון הכּתוב, און ס׳איז ביי אַלעמען דער זעלבער לשון פון מאמר חז״ל,

און וויבאלד אַז אַלע פּרושים זיינעןאין דעם זעלבן לשון – צי אין תּורה שבעל פּה צי אין תּורה שבכתב – איז דאך דאס גופא אונטערשטרייכט, אַז ניט חס ושלום אין אַלע זאכן זיינען פארשידן, נאר אַדרבא – זיי זיינען בעקר זיינען זיי אַלע דער זעלבער פּסוק, און דער זעלבער מאמר חז״ל; ס׳איז נאר מערניט וואס דער אויבערשטער וויל, אַז צוזאמען מיט "נצבים כּלכם[2] – לאחדים כּאחד", זאל אויך זיין דער "ראשיכם" און ביז די לעצטע דרגא פון "שאב מימיך".

און ווי געזאגט, אויך בהנוגע צו שמחת בית השואבה, איז אויך געווען בשעת השמחה חלוקים פון אָט די וואס האבן געווארפן ד׳ אבוקות של אור, אָדער שמונה אבוקות של אור, ביז אָט די וואס זייער ענין איז געווען – זיי זיינען געשטאנען און געקוקט, און זיך **איינגעקוקט** און איבערגעלעבט, ביז וואנענט מ׳האט דערפון מיטגענומען על כּל השנה כּלה.

און מיטגענומען דאס – אין אַן אופן פון **שמחה**, אַז דאס האט מבטל געווען די גדרים און די חלוקים צווישן איינעם מיט אַ צווייטן, ביז וואנענט אַז ס׳איז געווארן "שמחת בית השואבה", וואס דער לשון אין דערויף איז דאך "שמחה" לשון יחיד; ניט "**שמחות** בית השואבה" – אַף על פּי וואס דאס איז דאך זיבן טעג,

---

2 ) פּ׳ נצבים, פּרק כט פּסוק ט׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הסוכות

"ושמחתם לפני הוי' אלקיכם שבעת ימים[3]", ווי דער רמב"ם ברענגט אַראָפּ בהנוגע צו שמחת בית השואבה שבעת ימים,

אַף על פי וואס בשעת השמחה גיט מען אַ קוק, אַז דער טאנצט מיט אַ גרויסן שטורעם, און אַ צווייטער טאנצט – מצד דער שוואכקייט פון דער רגל הגשמי – מיט אַ קלענערן שטורעם, אָבער די שמחה איז ביי אַלעמען די זעלבע – די שמחה פון "ושמחתם לפני הוי' אלקיכם".

און אפילו אַז מ'געפינט זיך אין זמן הגלות; אפילו אַז מ'געפינט זיך מחוץ לארץ אשר "תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", און דארטן גופא געפינט מען זיך מחוץ פון אַ בית-הכנסת אָדער בית-המדרש, אָדער אפילו פון אַ סכה, און מ'שטייט אינמיטן גאס און מ'טאנצט –

מאכט מען פון דעם רשות-הרבים – אַ מקום קדוש, ביז וואנענט אַז דער אויבערשטער זאגט, אַז "ושכנתי בתוכם[4]", איז פונקט ווי דאס איז געווען אין דעם בית-המקדש הכללי, איז דאס דא אין "מקדש מעט", אין בתי-כנסיות ובתי-מדרשות,

און דאס ווערט אין דעם מקום וואס אַ איד מאכט פון אַ מקום סתם, אפילו אין רשות הרבים – מאכט ער דערפון אַ "רשות היחיד" ליחידו של עולם,

ווערט מאכט דאס דער "גוי קדוש", האט ער דעם כח וואס דער אויבערשטער גיט אים אַלס שלוחו של אָדם העליון כמותו, ער זאל מאכן אין אַ רשות הרבים אין חוץ לאָרץ, און בשעת "החשך יכסה אָרץ[5]": על פי תורה איז דאס פינסטער, דאס איז פינסטערניש פון דער נאכט,

זאגט אַ איד, אַז ער קומט צוגיין בשליחותו של הקדוש ברוך הוא, און ער שטעלט-אָפּ דעם אַרומפאַרן אין דער גאס, און שטעלט דאס אַרום מיט מענטשן וואס שטייען און האלטן זיך אָן איינער אין דעם צווייטן – ווערט דאס דעמאלט, על פי הלכה אין הלכות שבת, ווערט דאס אַ רשות היחיד על פי דין!

און צוליב וואס טוט ער דאס? – טוט ער דאס מיט שמחה, און ער טוט דאס צוליב שמחה, און נעמט-מיט אָט די שמחה על כל ימי הזמן שמחתנו.

3) פ' אמור, פרק כג, פסוק מ'.

4) פ' תרומה פרק כה פסוק כח.

5) ישעי' פרק ס' פסוק ב'.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.